# מיט'ן פנים צום אינערליכען מארק

**דער איצטיגער עקספארט מיט די דעפיציטען מאכט חרוב אונזער ווירטשאפט.— די סחורות דארפען פערקויפט ווערען אין לאנד אויף עקספארט פרייזען.— דער „עלעקטריע-שטרייק אין די שטעדט.**

דער קראקאווער „איל. קוריער צאדז." האט, ווי בעוואוסט, אין עקאנאמישע פראגען זיך געלאזען פרייע הענד, הגם פאליטיש שטיצט דער דאזיגער ארגאן די סאנאציע.

אין נעכטיגען נומער טרעט די דאזיגע צייטונג ארויס מיט פאלגענדער לאזונג: „בעהערשען דעם אינערליכען מארק". די פוילישע אינדוסטריע דארף קודם-כל בעהערשען דעם אינערליכען מארק.

דאס איז כלל נישט קיין פאראדאקס, נאר די טרויעריגע, נאקעטע ווירקליכקייט: די פוילישע אינדוסטריע צוימט זיך אב מיט הויכע באריערען פון אינערליכען מארק, זי שטיקט איהם און קוועטשט איהם אויס, אונטערשניידענדיג די צווייג, אויף וועלכער זי זיצט.

„אונזער אינדוסטריע בעהאנדעלט דעם אינערליכען מארק ווי א שטח פאר עקספלאאטאציע, ווי א מיטעל, וואס דינט פאר אנדערע ציעלען: ציעלען פון עקספארט. ס'האט זיך ביי אונז געשאפען א אמת'ער עקספארט-פעטישיזם, וועלכער קאן לענגער נישט טאלערירט ווערען, ווייל ער זויגט אויס דאס לעצטע בלוט פון אונזער ווירטשאפט".

דא קריטיקירט די צייטונג די לאדזער עקספארטען, וועלכע נייהען-צו צו די פערטיגע מלבושים, וואס זיי עקספארטירען, בלייענע קנעפ, כדי זיי זאלען בעקומען א גרעסערע עקספארט-פרעמיע, וועלכע ווערט געגעבען פון דער וואג.

„אונזער עקספארט — שרייבט ווייטער די צייטונג — ברענגט אלץ גרעסערע דעפיציטען און קאסט וואס אמאל מעהר קרבנות — די ארבייטסלאזיגקייט וואקסט כסדר — און דער ארבייטער און בעאמטער, פויער און סוחר ברעכען זיך אונטער די אויסערגעוועהנליכע און צוועקלאזע לאסטען. די גאנצע לאנד-ווירטשאפטליכע בעפעלקערונג, וואס בילדעט ⅔ פון דער גאנצער איינוואוינערשאפט אין לאנד, ווערט אויסגעטיילט פון מארק פון אינדוסטריע-אויסארבייטונגען. זי האלט זיך אין "זעלבסט-אויסקום".

„דער איינציגער אויסוועג דערצו איז צוריק אומקעהרען זיך צום אינערליכען מארק, בעטראכטען דעם דאזיגען מארק אלץ ענדגילטיגען ציל, און נישט אלס מיטעל צו פארסירען דעם עקספארט, וואס האט דעפיציטען".

די צייטונג לייגט פאר צו רעדוצירען ביז א מינימום, עווענטועל אפילו אינגאנצען צו פערמאכען די גרעניצען פאר'ן אימפארט, איידער אוועקצוגעבען בחנם די פראדוקטען פון אונזער ארבייט — לאמיר בעסער די דאזיגע פראדוקטען אויפ'ן עקספארט-פרייז אוועקגעבען דעם אינערליכען מארק.

ווען מ'וואלט אונזערע קויהלען, נאפט, צעמענט, אייזען א.ד.ג. געשיקט לויט די עקספארט-פרייזען אויף די מזרח-קרעסען, וואלט זיך ערשט דאן ארויסגעשטעלט, אז דאס וואלט גורם געווען צו פראדוצירען אזעלכע סחורות, וועלכע מ'וואלט געקאנט עקספארטירען אהן פרעמיעס און אהן דעפיציטען. אונזער אינערליך לעבען וואלט אויפגעלעבט, די ארבייטסלאזיגקייט וואלט זיך פערקלענערט, ס'וואלטען זיך געוויזען נייע קאנסומענטען.

די צייטונג איז איבערצייגט, אז דאס וואלט כלל נישט פערקלענערט אונזער עקספארט, נאר די סטרוקטור וואלט נאר געענדערט געווארען. זי וואלט געווארען געזונדער. מ'וואלט זיך איבערצייגט, אז מ'קאן עקספארטירען אהן היזקות, און נישט ווי איצט, ווען צו אלעם ווערט צוגעצאהלט אויפ'ן חשבון פון אינערליכען מארק. „פוילען איז געווארען א וואסער-טרעגערין און האלץ-העקערין פאר אנדערע פעלקער' פאר א שפאט-ביליגען פרייז, וואס דעקט אפילו נישט אונזערע פרימיטיווסטע הוצאות"

כדי צו אילוסטרירען די ירידה פון דער קאנסומציע, ברענגט די צייטונג א רייהע פאקטען פון יעצטיגען לעבענס-שטייגער אויפ'ן דארף, וואו מ'בעפרייט זיך פולשטענדיג פון אלע אינדוסטריע-ארטיקלען, בעגנוגענדיג זיך מיט אייגענע פרימיטיווע נאכאהמונגען. מ'בענוצט נישט קיין נאפט, קיין זאפאלקעס, קיין קויהלען, קיין שיך און מלבושים, אפילו נישט קיין צוקער, הייוועז און רייז. מ'פערטרייבט דאס אלץ מיט ערזאץ.

דאס אייגענע לאזט זיך אויך בעמערקען אין די שטעדט. דער בעסטער און בולט'סטער בעווייז דערויף זענען די עלעקטריע-שטרייקען, וועלכע האבען ארומגעכאפט א רייהע שטעדט. עס קומט אלזא, אנ'אלגעמיינע בארבאריזירונג פון אונזער ווירטשאפטליך לעבען, אנ'אונערהערטע פרימיטיוויזירונג פון אונזער ווירטשאפט.

כדי דאס צו פערמיידען אויף ווייטער, כדי נישט צו ברענגען קיין קרבן דעם אינערליכען מארק פאר דעם עקספארט, מוז יעצט געווארפען ווערען די לאזונג: „נידער מיט'ן פעטישיזם פון עקספארט! מיט'ן פנים צום אינערליכען מארק!" מחמת דער אינערליכער קאנסומענט איז נישט עפיס אנ'אביעקט, א מיטעל, נאר דער ערשטער און ענדגילטיגער ציעל".

אויך דער „ראבאטניק" רעדט וועגען דער צוניפקארטשונג פון אינערליכען מארק, אבער דאס זעהט די צייטונג נישט צוליעב דער עקספארט-פאליטיק, נאר צוליעב דער גאנצער ווירטשאפטס-פאליטיק פון דער רעגירונג, בעזונדערס צוליעב די נייע געזעץ-פראיעקטען, וואס ווערען מיט אזא איילעניש אדורכגעפיהרט אין סיים. דאס עמעריטור-געזעץ, למשל, וועט לויט דער מיינונג פון פעפעסישען ארגאן נישט נאר בעדייטען א געוואלדיגע עולה פאר פיעל טויזענדער פאמיליעס, נאר דאס גאנצע לאנד וועט דורכדעם ליידען צוליעב דער פערקלענערונג פון דער קויפס-קראפט פון א גרויסען שיכט פון דער בעפעלקערונג.

אלץ פלאסטישער צייכענט זיך אן אויפ'ן פאן פון דער אלגעמיינער נויט דאס קליינע אינזעלע פון דער פריוויליגירטער פינאנץ-אריסטאקראטיע, וועלכע לאקירט אין די אויסלענדישע בענק די קאפיטאלען, וואס זי האט ארויסגעפרעסט פון דער פוילישער ערד. און אלץ געשפענסטיגער זעהט אויס דער פריידיגער טאנץ פון די „סאנאציע"-רעגירונגען, ווען ארום ברענען שוין די וועלדער.

מיר זענען ווי אנ'אויטאמאביל, וועלכער ליפט אראב אהן א שום האמולעץ. נעבען שאפער האט זיך אוועקגעזעצט דאס געשפענסט פון קאטאסטראפע און וויל איבערנעמען די אנפיהרונג.

# לאמיר זיך בערענקען!

אונזער „גרויסער פריינד" נאוואטשינסקי צושרייבט זיך ברייט אויף די שפאלטען פון דער „גאזעטא ווארשאווסקא" וועגען דער פערספעקטיוו פון די יודען, האלטענדיג, אז עס דערנעהנטערט זיך דער פונאנדערפאל פון דער „אנאנימער מלוכה". רופט ער אונז צום בעדענקען זיך אין עניוות.

זעלבסטפערשטענדליך, אז די ווארנונגען פון נאוואטשינסקי'ן האבען דיזעלבע מאראלישע בעדייטונג, וואס זיין גאנצע ליטעראריש-פובליציסטישע טעטיגקייט.

פונדעסטוועגען אבער טארען מיר נישט אוועקקוקען פון א גאנצע רייהע פראבלעמען פון גרויסער היסטארישער בעדייטונג, וועלכע וועקען אין דער אמת'ן א זארג פאר דער צוקונפט פון אונזער פאלק.

די נאציאנאליסטען פון מיטעל און מזרח-אייראפא שטרעבען איבערצונעהמען די מאכט אין זייערע לענדער — מעהרסטענטייל מיט דער הילף פון דער „יודישער קלאטשע".

היטלער, וועלכער בעגעהרט שטארק אין דער גיך צו דערגרייכען די קייזערליכע קרוין פון דייטשלאנד, שטעלט פאר דעם אלטיטשקען הינדענבורג אלס יודישען קאנדידאט. ער פראפאגירט א פארמעלען קרייץ-צוג געגען יודען. אויב זיין ממשלה וועט אין בעצוג צו יודען זיין ווייניגער דראהענדער, ווי עס זעהט פאר זיין אפיציעלער פראגראם, איז דערמיט אבער נישט קלענער די סכנה פון די דייטשע יודען. דער שווערפונקט ליגט אינ'ם פערפעסטען די דייטשע נשמות דורך די דאזיגע שווארצע רעאקציאנערען. די געשיכטע פון די יודען אין דייטשלאנד קען פערגליכען ווערען צום 18 יאהרהונדערט.

נאוואטשינסקי דראהט אונז מיט דער שווערד פון זיין פריינד, פאדערענדיג ביי דער דאזיגער געלעגענהייט, אז מיר זאלען מודה זיין, דאס די אנטי-יודישע עקסצעסען, וועלכע זענען אינספירירט געווארען דורך דער ענדעציע און אויסגעפיהרט דורך איהר יוגענד, זענען א שטראף פון גאט, וועלכע איז אראבגעשיקט געווארען אויף די יודען נור צוליעב דער רעגירונג פון דער סאנאציע. מיט איין ווארט: עס איז דא א ענגער צוזאמענהאנג צווישען אנטי-יודישע עקסצעסען און דער שטרעבונג צו דער מאכט. די ענדעציע האט פאקטיש גוט געוועהר אין איהרע הענד: די לאזונג „נידער מיט די יודען" און א גלענצענדע אקאדעמישע יוגענד. נעמענדיג דאס אלץ אין בעטראכט טארען מיר בשום אופן נישט גרינגשעצען די דאזיגע פאקטארען, ווארום עס איז נישט בעוואוסט, וואס דער היינט אדער דער מארגען קען מיט זיך ברענגען. יעדענפאלס זעהען מיר נישט קיין גוטע בשורה, זאגאר אויפ'ן הימעל פון מיטעל מזרח-אייראפא. עס איז דעריבער טאקי נויטיג אנ'אונגעהויער גרויסע פארזיכטיגקייט.

די געשיכטע לערנט אונז, אז אין די שווערסטע מאמענטען זענען מיר געווען א פעראייניגטע מעכטיגע גייסטיגע קראפט. און איצט — צי וועלען מיר זיך דערווארטען דעם דערנעהענטערענדיגען זיך מאמענט? ניין! טויזענד מאל ניין! מיר שטעלען מיט זיך פאר א הויף מיט קריגעריש-געשטימטע שכנים. פערשידענע פאליטישע פארטייען פיהרען צווישען זיך אנ'אונאויפהערליכען הארטנעקיגען קאמף. אפילו די אונשולדיגע ווירטשאפטליכע פעראיינען געפונען זיך אין א סטאדיום פון פונאנדערפאלען זיך. דערביי זענען קארופציע און נידריגע אינטריגעס געווארען ביי אונז א טאג-טעגליכע ערשיינונג. קארליקעס מאכען זשעסטען ווי לייבען און ווארפען אנ'אימה אויף די רוהיגע בירגער. די מעהר ארענטליכע און יושר'דיגע עלעמענטען הויבען זיך אן צוריקציהען פון געזעלשאפטליכען לעבען, נישט וועלענדיג זיך טיילען מיט דער פעראנטווארטליכקייט.

וואס וועט ווייטער זיין? וואס וועט זיין אויב מיר וועלען זיך אריינבעקומען אין א פינסטערען ווינקעל אהן שום אויסוועג? מיט וואס וועלען מיר זיך שפעטער רעכטפערטיגען?

לאמיר זיך בעצייטענס בעדענקען, ווארום עס קומען אן שווערע צייטען.

**אדאלף עפשטיין**

# א פאפולערע „יודישע פאלקס-ביבליאטעק"

## פאר איין גילדען.

א גרופע פון ארבייטער-אינטעליגענץ, וועלכע איז פעראינטערעסירט צו פערשפרייטען ארבייטס-קולטור צווישען יודען, הויבט אן ארויסצוגעבען אין ווארשא א פאפולערע יודישע ביבליאטעק, דער יודישער לעזער זאל קענען בעקומען יעדען חודש א גוט און שעהן געדרוקט בוך צו א מינימום-ביליגען פרייז פון 1 גילדען.

מיט דער דאזיגער אויסגאבע זענען מיר נישט אויסען סתם ארויסצוגעבען ביכער. מיר קענען היינט נישט טראכטען וועגען דער סכנה וואס עס דראהט איצט דער יודישער קולטור. אויך האבען מיר נישט די מעגליכקייטען צו זארגען וועגען יודישע און העברעאישע שרייבער, וועלכע לעבען ביי שלעכטע בעדינגונגען, ווייל זיי האבען נישט וואו צו דריקען זייערע ווערק. ביי דעם גרויסען חורבן פון יודישען לעבען זענען נישטא דערויף קיין מיטלען און אפילו קיין צייט צו פערטראכטען זיך וועגען דעם. אונז אינטערעסירט איבערהויפט דער יודישער לעזער און דוקא דער בירגערליכער לעזער, וועלכער איז ביי דער קלאסען און פארטיי-דיפערענצירונג פון אונזער צייט פערנאכלעסיגט געווארען דורך דער אינטעליגענץ און איז געבליבען אויף הפקר צווישען די ברויזענדע לעבענסשטראמען פון רעכטס און לינקס, וואס שלעפען איהם בלינד אין תהום אריין.

מיר געהען נישט ארויסגעבען סתם קיין ביכער צום לעזען. דער יסוד פון אונזער אונטערנעהמונג איז ארבייטס-קולטור און יודיש-מענשליכע דערקענטניש צווישען יודען. מיר ווילען וועקען אונזער פעריאוש'טע און פערלוירענע הענדלער און קרעמער-מאסע צו אקטיוויטעט, געזונד-פיזישער הארעפאשנעקייט און נאציאנאל-יודישער בעזינונג. אונזער אויסגאבע איז אינגאנצען אויסער פאליטיק. אונז אינטערעסירט איבערהויפט דאס יודישע פראבלעם פון ערד און ארבייט אין דעם ליכט פון נאציאנאל-יודישער וועלטליכקייט.

אונזערע מעגליכקייטען זענען דערווייל זעהר בעשיידען, ביז מיר וועלען זיך צוניפריידען וועגען אונזערע ציעלען מיט יודישע און נישט-יודישע שרייבער און צוגרייטען דעם מאטעריאל וואס אונז אינטערעסירט פאר דער יו-

דארפען דערפולען זייער חוב.

## „עמך" קולטיווירט זיך.

קיין פרנסה איז נישטא, די מאשינען רוהען זיך אויס די ביינער, און ביי די יודישע בעלי-מלאכות טהון וועה די ביינער פון צופיעל רוהען, און אויב עס איז נישטא קיין קמח, קיין פרנסה הייסט עס, נעמט מען זיך צו תורה.

יעדע וואך שבת אווענד פערזאמלען זיך די האנדווערקער און הערען אויס לעקציעס וועגען פערשידענע פראגען.

לעצטע וואך האט געהאלטען א רעפעראט דער בעקאנטער ד"ר דוד קאגאן אין א זאפטיגען יודיש און א זעהר פאפולערע שפראך האט ער פאר די גרויסע צאהל צוהערער ערקלערט זיין רייכען רעפעראט וועגען היגיענע, סאניטאריע און באקטעריעס.

דער האנדווערקער עולם האט איהם הייס אפלאדירט און זיך געוואונשען, אז ער זאל נאכאמאל מהנה זיין מיט א רעפעראט, וועלכען ר' דוד קאגאן האט זיי צוגעזאגט.

די וואך קומט ווידער פאר א רעפעראט, מיט איין ווארט, „עמך" קולטיוויזירט זיך.

## „UŁANI .. UŁANI".

דער עלעקטראווניע שטרייק איז דאך היינט אקטועל, עס איז אבער פערהאנען א ליעדעל, וואס איז נישט ווייניגער אקטועל ווי די עלעקטראווניע און דאס איז דאס פאפולערע ליעד, „אולאני... אולאני..."

עס איז פערהאנען א פוילישער פילם, וואס שטעלט פאר, זעלנער מיט פערדלעך מיט אלע גוטע זיבען זאכען. זינגט זיך דארט אין דעם פילם א ליעד „אולאני אולאני, כלאפצי מאלאוואני", האט עס אזוי נושא חן געווען ביי אונזער יוגענד, אז וואו דו געהסט און שטעהסט הערסטו נאר זינגען און פייפען „אולאני". אין די צוקערניעס און אין די טאנץ-זאלען שפילט די מוזיק „אולאני".

אמאל איז געווען פאפולער „טיטינא", „בובליטשקי" און היינט „אולאני".

## זיי האבען מתקן געווען...

די בוכהאלטערען ארגאניזירען זיך. זיי די דאזיגע מאנקעטניקעס, וועלכע האבען זיך געפונען שטענדיג אין א זיכערע לאגע און האבען איבערהויפט געקוקט אויף די אלע פראפעסיאנעלע ארגאניזאציעס פון אויבען אראב. האבען איצט, בעת דער גאנצער האנדעל ליגט ניין איילען אין דער אדמה, אויך דערפיהלט, אז זייער פונדאמענט טרייסעלט זיך און זיי האבען זיך אנגעהויבען ארגאניזירען.

דער סטאדיום פון דער ארגאניזאציע האט געדויערט א קורצע צייט און דעם פערגאנגענעם זונטאג איז פארגעקומען די ערשטע אלגעמיינע פערזאמלונג.

די דאזיגע פערזאמלונג איז געווען זעהר כאראקטעריסטיש, וואס דארף אונטערגעשטראכען ווערען צוליעב דעם פערשידענארטיגען עולם, וואס האט זיך בעטייליגט אין דער פערזאמלונג.

עס זענען געווען אנוועזענד, אלטע בוכהאלטערען, וואס ארבייטען שוין צעהנדליגער יאהרען אויף דעם געביט. דאן זענען אויך געקומען 2 קריסטליכע בוכהאלטערען, איינער פון דער עלעקטראווניע און דער צווייטער פון אוזשאנד סקארבאווי, דאן זענען אויך געקומען א גרעסערע גרופע פון די ארטאדאקסישע יוגענד, וואס זענען בוכהאלטערען.

די דאזיגע גרופע האט זיך אקטיוו בעטייליגט אין די פערזאמלונג און ארויסגעוויזען, אז זיי זענען נישט מעהר קיין בטלנים, נאר פאדערען זייער רעכט. און בעת מען איז צוגעטרעטען צו די וואהלען האבען זיי ארויסגעשטעלט זייערס א קאנדידאט אין דער פערוואלטונג.

מילא, קיין מאנדאט האבען זיי נישט דערגרייכט, מחמת דעם, וואס זיי זענען נאך אין דער מינדערהייט, דערפאר האבען זיי אבער אויפגעטהון א זאך, וואס איז נאך נישט געשעהן זינט דער האנדעלס-אנגעשטעלטער פעראיין עקזיסטירט.

די טעג ווערט 25 יאהר, זינט עס איז געגרינדעט געווארען דער האנדעלס און ביורא-אנגעשטעלטע פעראיין און עס איז נאך נישט פערצייכענט געווארען, אז מען זאל דארט ווען עס איז דאווענען מנחה און דאסמאל בעת דער הפסקה האט מען געדאווענט מנחה און דוקא מיט מנין און לצים זאגען, אז אפילו דער סעקרעטאר פון פעראיין וועלכער איז א פייערדיגער אפיקורס האט צוליעב קורטואזיע מיטגעדאווענט מנחה...

אט דאס מיינע פריינד איז ווערט צו בעצייכענען, אז דער פראגרעס געהט פאראויס, אז אין דעם אפיקורסישען האנדעלס-אנגעשטעלטען פעראיין האט מען נאך 25 יאהר געדאווענט מנחה מיט מנין.

בעריהמען זיך טאקי די „אגודה" בוכהאלטערען, אז מיט זייער קומען אין פעראיין, האבען זיי שוין מתקן געווען...

## נאך חצות.

דער ספארט-קלוב „אסכלה" ארדענט איין וואס א פאר וואכען טאנץ-פערוויילונגען, וואס זענען פערבינדען מיט ארויסטריטען פון זייער ניי-געגרינדעטען דראמאטישען קרייז.

מילא, וועגען דער פעהיגקייט פון דראמאטישען קרייז וויל איך נישט יעצט רעצענזירען, כאטש מען מוז מודה זיין, אז עס זענען פערהאנען טאלאנטען וואס ווייזען זיך ארויס און ביי א געוויסער ארבייט און גוטער רעזשי וואלטען זיי זיכער א סך געקענט אויפטהון. כאראקטעריסטיש איז נאר דאס, וואס די אויפטריטען פון די ארטיסטען הויבען זיך אן ערשט נאך 12 א זייגער ביינאכט. צי איז דאס א סגולה צו ערפאלג? איך מיין פערקעהרט, נאך האלבע נאכט איז דער מענש מיעדער און אבגעשוואכט, איז טאקי די פראגע פארוואס עפיס נאך חצות?

## עס איז זיי נישט בעקומען.

דעם 15 ד. ח. קומט פאר אין קאטאוויץ א רעפרעזענטאנץ באקס-מעטש פון זייערע דרושינעס מיט די טשענסטאכאווער דרושינעס.

כדי אבער אויסצוקלייבען א גוטע רעפרעזענטאנץ, איז פארגעקומען זונטאג א פארמעטש אין דעם גרויסען זאל פון דער „בריגאדא", אין הויז א. נ. פון מארשאל פילסודסקי.

אויפ'ן זאל זענען געווען פערזאמעלט א גרויסע צאהל אנהענגער פון דער בריגאדע, וואס זענען שטאלץ אויף זייערע באקסער און האלטען זיך פאר מיוחסים.

ווען מען האט ארויסגעלאזט אויף דער ארענע אונזערע יודישע יונגלעך אקעגען זייערע געזונדע מוסקולען-שקצים, האבען זיך דערהערט איבער'ן זאל איראנישע בעמערקונגען: „זאבאטש נא טעגא זשידקא" און ווער שמועסט, טאמער האט דער שייגיץ געגעבען א קלאפ דעם יוד, איז געווארען א הוזשעריי און א געקלאפעריי פון נצחון און זיי האבען זיך געריבען די הענד פאר שמחה און גרייט געווען אויפצונעמען דעם נצחון. אונזערע יונגלעך, וועלכע פערמאגען אינטעליגענץ און טעכניק, האבען זיי אבער אזוי צוקלאפט, אז זיי, די געזונדע שקצים, וואס האבען זיך געשלאגען אזוי ווי אין גאס, זענען שוואך געווארען און אלע אונזערע יונגלעך האבען געוואונען. זענען זיי געבליבען זיצען מיט אראבגעלאזטע קעפ און די פארגעברייטע שמחה. איז זיי נישט בעקומען.

**לויתן**

